# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

VOL. XI. No. 1 | 50 CENTS A YEAR | SEPTEMBER, 1928

## "YOUR HOUSE IS LEFT DESOLATE"

A desolate house! Did you ever have the experience of seeing the mother of a home go away for a few weeks? Do you remember how empty the house suddenly became? The children seemed lost, and knew not what to do. Such food as you could get together somehow seemed to lose its taste; you wandered thru the house aimlessly, trying to sit down in some room for a little reading or a little rest, but soon you were up again and moving about the house; until at last you left the house and went for a walk just to relieve your mind of the strange feeling of loneliness.

Have you ever buried a loved one? Do you remember coming back from the cemetery and entering the house, only to realize that the loved one would never again set foot in that house? Are there any words in the English language that can describe the poignancy and grief and anguish?

That is what it means to have a desolate house, and only those that have been thru such a bitter experience know its full significance.

### Nations Are Like Individuals

Nations too have houses, and nations too take good care not to have their houses desolate. Great Britain will fight to her last battleship and to her last man before she will surrender to the sorrow of a desolate house. And so will France and Germany and every other nation on the face of the earth.

And likewise our Jewish nation. Once we had a house; it was beautiful, stupendous in its magnificence. And God dwelt in that house. That is what made it so magnificent. We had a Temple once, one of the most magnificent pieces of architecture the world ever saw; we had a priesthood, a Kingdom, an army, a land flowing with milk and honey; and we were the envy of the Nations of the earth.

But that house is gone. It was given to us originally by God; but only under certain conditions. Just read the wonderful promise God made to us, if only we would obey Him.

> "If ye walk in my statutes, and keep my commandments, and do them; Then I will give you rain in due season, and the land shall yield her increase, and the trees of the field shall yield their fruit . . . And I will give peace in the land, and ye shall lie down, and none shall make you afraid... And ye shall chase your enemies, and they shall fall before you by the sword. And five of you shall chase an hundred, and an hundred of you shall put ten thousand to flight; and your enemies shall fall before you by the sword."
>
> See Leviticus 26:3-12.

And then God sent prophets to us and we stoned them, and we thought that we knew more than they did. Until at last God sent to us His only begotten Son, the Lord Jesus Christ, saying, "They will reverence my son". But instead of that we said, "Come let us kill him" and we turned our back on Him who was the only hope of our salvation and happiness, and we shouted, "Crucify Him, crucify Him"!

Then what happened? Some time before the awful crucifixion, the Lord Jesus Christ, knowing that He would be crucified, and knowing that He would be rejected by our people, stood one day in the streets of Jerusalem and with breaking heart wept loudly over the city, and in the agony of His heart He cried out

> "O Jerusalem, Jerusalem, thou that killest the prophets, and stonest them which are sent unto thee, how often would I have gathered thy children together, even as a hen gathereth her chickens under her wings, and ye would not! Behold, your house is left unto you desolate. For I say unto you, Ye shall not see me henceforth, till ye shall say, Blessed is he that cometh in the name of the Lord."
>
> Matt. 23:37, 38, 39.

The awful curse of the 38th verse is "Your house is left unto you desolate"; and a short while after the Lord Jesus Christ pronounced this heartrending prophecy, our forefathers took Him and had Him crucified. Not long after that God sent Titus, a Roman warrior, who destroyed the city of Jerusalem, and scattered our people to the ends of the earth.

We now have no home. For 1900 years we have been wanderers on the face of the earth. We try to fool ourselves by saying that America is our home, but every Jew down in his heart knows that there is a longing to go back to our real home, the only home God ever gave us. But we cannot go back—"your house is left unto you desolate".

We have no army and we have no navy. The time was when a lone Gideon with thee hundred men could smash into a thousand fragments the countless hosts of the Midianites, and put to flight thousands upon thousands of Amalekites. But God was there; today three hundred Jews would be afraid of one little street loafer in one of our streets in New York—"Your house is left unto you desolate".

We have no wealth. There are a few rich Jews, but those few are insignificant in comparison to the millions of poor Jews wandering about the streets of the world, not knowing where their next piece of bread is coming from. The time was when we had plenty of money, great prosperity, and we lived in a land flowing with milk and honey. A hungry stomach was unknown in those days, but today our Jewish children know what hunger is—"Your house is left unto you desolate!"

Homeless, friendless, desolate. That is the sad situation of our Jewish people today. We had pinned great hopes on the Palestine movement, but even that has now begun to show signs of a near-collapse. Is there no hope for us? Hear the condition laid down by the Lord Jesus Christ.

> "Ye shall not see me henceforth until ye shall say, Blessed is he that cometh in the name of the Lord."

In other words the absence of the Lord Jesus Christ from our house has produced for us unhappiness and desolation, just as truly as the sudden removal from the home of a loved one will produce in that home loneliness and desolation.

We need the Lord Jesus Christ. In Him is our only hope; and when the time shall come that we Jews are willing to bow down to Him and cry to Him with great joy, "Blessed is he that cometh in the name of the Lord", we shall be no longer desolate, but we shall be a people in whom the Lord shall take delight; we shall be in that day the city of the Lord, the Zion of the Holy One of Israel. God tells us that we shall be a crown of glory and a royal diadem in His hand. This will come to us only when we are ready to accept the Lord Jesus Christ as our Messiah. This is the root of all our troubles and those who would tell us that there are other cures than the cure of the Lord Jesus Christ are only deceiving and misleading us. Will you not for yourself just try this cure, and see whether God will not put into your heart such a happiness and such a contentment as you never knew before?

**BETH SAR SHALOM**

**Throop Avenue and Walton St.**

**Brooklyn, N. Y.**

**40 Cents WORTH FOR 25 Cents**

Send us 25c. in coin or Stamps and we wil mail you a 40c New Testament in Hebrew. Yiddish or English. Should our supply be gone, however, we reserve the right to return your money.
Address: The Shepherd of Israel,
27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

**Published Monthly by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.**

היכען געקנייטשטען שטערן. א גוטמוטהיג פנים מיט צוויי גרויסע קלוגע, בלויע אויגען. די נאז אביסעל געבויגען זיצט מיט חן אויף איהר נעהנליכען ארט. א שעהנע אונגעשוירענע באזילבערטע בארד און פאות. טראגט אן אטלאסענעם קאפטאן מיט א ברייטען גארטעל ארומגענומען.

מיר דערזעהן איהם ווען ער פארנעמט דעם אויבען־אן צווישען די פרושים און צווישען די סנהדרין, און באזיצט דעם גרויסען טיטעל „קצין", אויפ'ן היינטיגען לשון „לארד"; אלע האבען איהם רעספעקטירט פאר זיין חכמה, ליבעראלקייט און בעזאנדערס פאר ליעבען דעם אמת; נישט אזוי ווי זיינע חברים סנהדרין, וואס זענען מיינסטענס נעווען רעאקציאנעריש געזאנען און האבען א סך מאל דעם אמת לגמרי פארבוינגען. הרב נקדימון האט נעליעבט דעם אמת, אונטער אלע אומשטענדען.

אין א געוויסען טאג זעהען מיר איהם זיצען שטארק פערטראכט — מסתמא ווענען א זעהר וויכטיגען ענין — מ'האט געקאנט זעהן בחוש אז „הלא דבר הוא", און אין זיין דענקען הערען מיר איהם ארויסרעדען איינינע געבראכענע פראזען. ווי למשל: „זאל דאס טאקע אמת זיין אז ער איז דער משיח ד'?" „ער נעמט נאר דעם עולם מיט שטורם!" „יא, איך מוז עס טהון . . . איך מוז איהם געהן זעהן, אבער ווי אזוי? מראית עין...!"

זיינע נעדאנקען זענען פלוצים איבערגעשלאגען געווארען פון א גרויסען גערודער אין דער סטריט. מענשען לויפען, סוד'ען זיך, שטופען זיך דארט צו א געוויסער גאס וואו דער בלינדער „שמאי" פלעגט זיצען און בעטען נדבות, וועלכער איז פלוצים זעהענדיג געווארען, ווייל דער „נוצרי" האט איהם אנגעריהרט און איהם נעזאגט אז ער זאל זעהן. (מארקוס ח'. יוחנן ט'.) גאט'ס וואונדער! אט לויפט דאך דער געוועזענער בלינדער א זעהענדיגער, און אזויפיעל מענשען ארום איהם באוואונדערען א הם!

אן אנדערען טאג, געהענדיג אין בית המקדש אריין טרעפט אן הרב נקדימון דעם בעקאנטען איד „געצעל דעם מצורע", מיט וועמען קיינער האט זיך נישט געוואלט צוזאמענקומען פאר מורא אז מ'זאל זיך נישט אנשטעקען מיט יענער שרעקליכער קראנקהייט. קיין דאקטאר האט איהם נישט געקאנט העלפען, און אזוי האט דער מצורע געלעבט אין איינזאמקייט און אין צרות. און אט זעהט איהם איצט הרב נקדימון גאר לויפענדיג מיט שמחה אז בכן דער „נביא" האט איהם אנגעריהרט און אויסגעהיילט, איהם זאגענדיג: „ווער געזונד", און ער איז געווארען געזונד. (מתתיהו ח', מארקוס א'.) ווי קאן דען א מענש טהון אזאלכע וואונדער עס זיי דען ווען גאט איז מיט איהם!

— יא, איך מוז איהם געהן זעהן . . . אבער ווי אזוי? זיי וועלען דאך מיך זעהן . . . זיי, די פינסטערלינגע.

ווידער אן אנדערען טאג — הרב נקדימון גלויבט גאר נישט זיינע אייגענע אויגען — ער זעהט פישעל דעם קרומען, וואס איז געוועזן כל ימיו א קריפעל, ער האט זיך נישט געקאנט אויף די פיס שטעלען . . . זעה נור זעה, ער איז דאך עפעס גראד געווארען און ער לויפט אויף די פיס אזוי ווי ער וואלט קיינמאל קיין קאליקע געוועזן. און צו זיין שטוינען זאגט איהם דער געוועזענער קריפעל אז דער „נוצרי" האט איהם אויסגעהיילט און געהענדיג נעמאכט. (לוקס ה'.) פלאי פלאים! דארף דען נישט דער משיח זעהענדיג מאכען בלינדע, גראד מאכען די קרומע, הערענדיג מאכען די טויבע און אויסהיילען די קראנקע!? . . . טא מוז ער דאך טאקע זיין דער משיח!

נאכמיטאג זיצט זיך אזוי הרב נקדימון אין זיין לייברערי, האלטענדיג א צייטונג אין דער האנד, פלוצים דערזעהט ער א מאדנע שטיקעל נייעס, אז בכן אין דער שטאדט „נעים" האט א נעוויסע אלמנה געהאט אן איין אייגציג קינד, א בן יחיד, וואס איז ר"ל געשטארבען און פארטיג געווען צו דער קבורה. אבער צו אלעמענס איבערראשונג האט דער יונגערמאן פון נצרת, וואס זאגט אז ער איז דער משיח ישראל, דעם טויטען מת נאר אויפגעוועקט פון טויט און ער האט דער באטריבטער מאמען איהר טייער איינציג קינד צוריק געגעבען א לעבעדיגען. (לוקס ז'.) דאס האט דעם ווירדיגען גרויסען איד הרב נקדימון גאר אין גאנצען א נעם געטהון . . . ער געפינט קיין רוה . . . זיין הארץ איז מלא שמחה, בכן, די גאולה איז שוין דא און ער וויל דעם משיח שוין געהן מקבל פנים זיין.

עס טהוט זיך אבער נישט אזוי לייכט ווי עס זאגט זיך. הרב נקדימון האט פארט מורא געהאט צו נעהן צו ישוע אויף א בעזוך, ווייל וואס וועלען די רעאקציאנערע סנהדרין צו איהם זאגען. זיין לעבען וועט נישט ווערט זיין א פעטרישקע . . .

א קורצע צייט שפעטער דערהערט נאר הרב נקדימון אז אין דער שטאדט בית־עניה האט עפעס אזא זאך געטראפען אז די גאנצע אומגעגענד איז אויף דערמיט: א געוויסער מאן אלעזר האט דארט געוואוינט מיט זיינע צוויי שוועסטער און דער אלעזר איז קראנק געווארען און איז געשטארבען און ווי געוועהנליך האט מען איהם אויך מקבר געווען. פיער טעג שפעטער נאך דער קבורה איז ישוע המשיח געקומען קיין בית עניה און געהערט אז זיין גוט בעקאנטער און פריינד אלעזר איז געשטארבען. דער יונגער משיח האט נישט לאנג געטראכט, ער איז ארויס צום קבר און האט דעם טויטען אלעזר'ן לעבעדיג געמאכט. ער האט איהם ארויסגענומען פון קבר צוזאמען מיט די תכריכים און אלע האבען דאס גרויסע נס געזעהן און בעוואונדערט. (יוחנן י"א.)

דאס הערענדיג האט ער זיך שוין נישט מעהר געקאנט איינהאלטען. ער האט נור אפגעווארט אז עס זאל נאכט ווערען און באלד דעם גרויסען וואונדער־מענש א וויזיט אפשטאטען און זיך אליין איבערצייגען אויב ער איז באמת דער משיח. און אט זעהען מיר איהם דארט אין יענעם הויז אריינלויפען . . . ער איז איבערגליקליך צו שטעהן פאר דעם הייליגען משיח און מיט איהם רעדען.

דער „קצין" נקדימון זאגט צו איהם, „רבי, מיר ווייסען אז דו ביסט געקומען פון גאט, ווייל זאנסט קאן קיין מענש די וואונדער טהון וואס דו טהוסט אויסער ווען גאט איז מיט איהם. (יוחנן ג'.) ישוע המשיח קוקט אויף איהם מיט זיינע געטליכע אויגען און רעדט צו איהם אזאלכע ערקוויקענדע ווערטער וואס ער האט קיינמאל נישט געהערט. ער הערט פון ישוע'ס הייליגען מויל אז דער מענש מוז אויפ'ס ניי געבוירען ווערען פון וואסער און פון גייסט. ער הערט ווענען מלכות השמים, ווענען א אומבעגרייפליכע געטליכע ליעבע צו מענשען. ער איז דאס קיינמאל נישט בכח געווען אפילו משיג צו זיין. וואונדערבאר! נישט בחנם רופט איהם אן ישעיה הנביא „פלא"! (ישעיה ט').

יעדעס ווארט איז אריין אין זיין בענקענדער נשמה. עס האט אויסגעפילט זיין לעערעס הארץ. עס האט ערקוויקט זיין פוסטעס לעבען. פון אנפאנג האט ער טאקע נישט פערשטאנען וואס דער משיח מיינט מיט דער „נייער געבורט", אבער בעפאר ער איז פון איהם אוועק איז איהם אלעס קלאר געווארען, אז די נייע געבורט מיינט א נייע הארץ, נייע געדאנקען, א נייער גייסט און א נייע לעבען.

נאך דעם וויזיט האט אונזער גרויסער איד מעהר נישט געצווייפעלט אז ער איז טאקע דער משיח. זיין הארץ איז געווארען רוהיג און צופריעדען. ער האט אליין די זכיה געהאט צו זעהן דעם משיח ד' און אליין איהם הערען רעדען. ער איז איבערגליקליך צו וויסען דעם וועג צום מלכות השמים.

ווי גערן האט ער געוואלט דאס יעדען דערצעהלען אז אלע זאלען דאס וויסען. בפרט זיינע חברים די סנהדרין, כדי זיי זאלען נישט בלייבען אין דער פינסטער. ער האט עס אבער נישט געטהון, ביז א געוויסען טאג, ווען די פאנאטישע סנהדרין האבען געשיקט סאלדאטען צו פאנגען ישוע המשיח, דא האט זיך נקדימון אויפגעשטעלט און פערטיידיגט דעם משיח זאגענדיג:

„האט אונזער תורה אמאל וועמען פאר'משפט איידער צו הערען פון זיין אייגען מויל וואס ער האט אליין צו זאגען? מיט דעם האט ער געמיינט אזוי צו זאגען: מאכט אייך אויך בעקאנט מיט דעם משיח, וועט איהר אויך אויסגעפינען דעם אמת און פערשפארען אין טעות צו לעבען". (יוחנן ז' 51.)

ווי הערציג עס האט איהם געפרייהט צו וויסען און צו פארשטעהן דעם סוד פון דער גאולה, אזוי טרויעריג איז עס איהם אבער געווען אויפ'ן הארצען צו זעהן אז די אנדערע סנהדרין מאכען זיך בלינד, טויב און שטום צו דעם אמת. זיי ווילען פשוט נישט וויסען, ווייל די קנאה איז שרעקליך שטארק געוועזען אין זייערע הערצער.

נאכדעם ווי עס איז זיי שוין געלונגען דעם קדוש ישראל איבער צו געבען אין די גוי'שע הענד געקרייציגט צו ווערען און איהם מקבר צו זיין, זעהען מיר אונזער גרויסען איד נקדימון ברעננען בשמים און אנדערע טייערע געווירצען אויף ישוע'ס קבר פון וואו ער איז אויך דעם דריטען טאג אויפגעשטאנען פון די טויטע.

זייט דאמאלס האבען מיר שוין געהאט א סך אזאלכע גרויסע אידען וואס האבען דעם אמת אין ישוע המשיח אנערקענט און עפענטליך באקענט. זייערע נעמען זענען אויך דאדורך פארעוויגט געווארען אזוי ווי דער נאמען פון נקדימון. אן אמת'ער גרויסער איד לויפט נישט אוועק פון אמת און ליעבט דעם אמת אונטער אלע אומשטענדען.

---

אונזערע פערזאמלונגען:

פרייטאג נאכט, 8 אוהר — פיר מענער און פרויען.

זאנטאג נאכט, 8 אוהר — פיר מענער און פרויען.

THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן 10·11

# רעה ישראל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל ל״ד 23

א מאנאטליך בלאט צו ערקלערען צו ישראל דעם אמת׳דיגען משיח

VOL. XI. No. 1 | 50 CENTS A YEAR | SEPTEMBER, 1928

## ועל חטא שחטאנו לפניך ביודעים ובלא יודעים

וויינט דער איד און ער קלאפט זיך אין הארץ ביי יעדען „ועל חטא" און בעט ביי גאט א סליחה דרויף און א כפרת עון.

דארט אין דעם מחזור'ל האט מען דעם איד פארגעשריבען עפעס אזאלכע מיני שרעקליכע עבירות, ווי גזלה, שפיכות דמים, גלוי עריות אד"ג וואס דער איד איז עס אפשר גאר קיינמאל נישט בעגאנגען, און דאך זעהען מיר איהם דארט אין א ווינקעלע שטעהן איינגעבויגען און שלאגט זיך אין דער ברוסט און איז זיך מודה ומתודה אז ער איז די אלע חטאים בעגאנגען געגען גאט, בעטענדיג:

„ועל כלם אלהי סליחות סלח לנו מחל לנו כפר לנו."

א חוץ די אלע ספעציעלע חטאים וואס דער איד נעמט אויף זיך וואס שטעהען דארט אויסגערעכענט, זענען דארט פאראן א סך אנדערע עבירות וואס זענען דארט נישט ספעציפיצירט, זיי זענען אריינגענומען אין כלל אונטער די טיטלען „בזדון ובשגגה", „באונס וברצון", „בגלוי ובסתר", אד"ג.

דאכט זיך, עס איז שוין גענוג, עס איז שוין נישט פאראן מעהר עבירות אויסגעבליבען פון די ועל חטא'ס: האט איהר אבער א פרישען טעות, ווייל, איהר ווייסט דאך, אז מען זוכט געפינט מען. און אט איז א שפאגעל נייער ועל חטא אין צעטעל פאראן, נעמליך, „ועל חטא שחטאנו לפניך ביודעים ובלא יודעים", ד"ה, אזאלכע עבירות וואס מ'ווייסט יא און מ'ווייסט נישט.

און טהוט א פרעג אירגענד וועלכען רב, חזן, אדער דעם בעל חוטא גופא, וואס זיי מיינען מיט דער ספעציעלער עבירה „ביודעים ובלא יודעים"? קנאפ עבירות האט מען שוין אויסגערעכענט וואס זענען אין זיך כולל אפילו אזאלכע וואס מ'איז זיי קיינמאל נישט בעגאנגען, טא וואס וויל מען מיט דעם „ביודעים ובלא יודעים"?

נור אט וועט איהר באלד זעהן וואסארא טיעפע בעדייטונג דיעזער „ועל חטא" האט. דער בעל מחבר פון די ועל חטא'ס איז אודאי געוועזען א גלויביגער איד אין ישוע המשיח. ווען ער וואלט נעוועזן דעם בעהאלטענעם געדאנק פון דעם ועל חטא זאגען עפענטליך, וואלט מען איהם אפשר געוועזען געשטייניגט. האט ער, אוים מורא, דאס בעסער איינגעהיעלט אין דעם ועל חטא שחטאנו לפניך ביודעים ובלא יודעים.

יעקב אבינו האט אויך מורא געהאט זיינע קינדער אפען אויסצוזאגען דעם קץ, דאס הייסט, אז ישוע דער משיח וועט קומען, און ער האט דעם גאנצען ענין איינגעוויקעלט אין דעם ווארט „שילה", אין וועלכען מיר געפינען דעם רמז, דעם סוד פון ישוע המשיח. די ראשי תבות פון „שילה" מאכען ישוע המשיח שעתיד להצלב. אי פארוואס האט יעקב נישט איינגעהילט דעם ענין המשיח אין א ווארט וואס די ראשי תבות זאל זיך לייענען גראד, צוערשט די י', דאן די ה, דאן די ש און צולעצט די ל? שילה איז דאך עפעס אומגעדרעהט? יא, עס איז טאקע דערפאר, אז די קינדער זאלען זיך נישט באלד כאפען וואס דאס מיינט און דעם פאטער דערפאר אפשר גאר שטייניגען. זיי וואלטען זיך בעזאנדערס נוקם געוועזען אן „יהודה", פון וועמען ישוע המשיח, „שילה", האט בעדארפט ארויסקומען.

אזוי אויך האט דער מהבר פון די „ועל חטא'ס" מורא געהאט פאר אידען, האט ער בכיון דעם ענין פארבארגען אין דעם חטא „ביודעים ובלא יודעים". טא הערט ווי אזוי:

אין ישעיה ו' זאגט גאט אז אידען זענען נעביך אזוי פערדרייהט און צומישט אז זיי זענען א רעטעניש, א פראבלעמע. עס הייסט דארט „שמעו שמוע ואל תבינו וראו ראו ואל תדעו . . ." ד"ה, אידען האבען אויערען צו הערען אבער פערשטעהן ניט, זיי האבען אויגען צו זעהען אבער ווייסען ניט. האבען דען אידען נישט געזעהן ישוע המשיח אין ירושלים מיט זייערע אייגענע אויגען? האבען זיי דען נישט געזעהן זיינע מופתים? האבען זיי דען נישט געזעהן אליעזר'ן, וועמען ישוע המשיח האט לעבעדיג געמאכט נאך דעם ווי ער איז שוין געוועזען באגראבען פיער טעג אין דער ערד? יא, זיי האבען דאס אלעס געזעהן מיט זייערע אויגען און דאך האבען זיי נישט געוואלט ווימען פון ישוע המשיח.

אט דאס איז די טשיקאווע שטעלונג פון אידען וואס איז אויסגעדריקט אין די צוויי ווערטער „ביודעים ובלא יודעים", זיי ווייסען יא און ווייסען נישט. זיי זעהען יא און זעהען נישט. זיי הערען יא און הערען נישט. אט דאס איז א ביטערער חטא. ווייל ווען א מענש ווייס טאקע נישט, מילא האט ער א תירוץ, ער האט נישט געוואוסט און א סוף. אבער יא ווייסען און דאך נישט וועלען ווימען, דאס איז פאסקודנע.

דא איז אויך אן אנדערער געדאנק פון דעם „ביודעים ובלא יודעים".

אין א' יוחנן, קאפ. ה', לעזען מיר: „ידענו כי מאת אלהים אנחנו... וידענו כי בך אלהים בא..." ד"ה, מיר ווייסען אז מיר זענען פון גאט און מיר ווייסען אז דער בן אלהים איז געקומען. און אין זעלבען בוך, קאפיטעל ג', לעזען מיר: „הן יודעים אנחנו כי עברנו מן המות אל החיים. ד"ה, מיר ווייסען אז מיר זענען אריבער פון טויט צום לעבען... און אין יוחנן ו' לעזען מיר: „ואנחנו ידענו וגם האמנו כי אתה הוא קדוש אלהים". ד"ה, מיר ווייסען . . . אז ישוע המשיח איז דער הייליגער פון גאט. מיר זאגען אזוי ווי איוב האט אמאל געזאגט אין קאפ. י"ט: „ואני ידעתי גואלי חי". ד"ה, איך ווייס אז מיין גואל, מיין משיח, לעבט.

אט דאס זאגען מיר אויך היינט מיט פאזיטיווע זיכערהייט אז „מיר ווייסען" דאס אלעס וועגען ישוע המשיח. אידען ווילען אונז אבער נישט צוהערען. מ'איז אונז נאך מבזה, מ'רופט אונז צו־נעמען. מ'שרייבט שמוציגע אידיאטסטווא שקרים וועגען אונז. איז דאס נישט א ביטערער חטא?

אט דאס מיינט מען מיט דעם „ועל חטא שחטאנו לפניך ביודעים ובלא יודעים". אידען זינדיגען „ביודעים" געגען די וואס ווייסען יא, און זאגען עדות אז ישוע איז דער משיח, און אידען זינדיגען „בלא יודעים" מיט דעם וואס זיי אליין ווייסען ניט. גאט בעקלאגט זיך אויך דורך ישעיה הנביא אין קאפ. א': „ישראל לא ידע". ישראל וויל נישט וויסען, און דערפאר זענען זיי נעביך נאך עד היום אין דער אונוויסענהייט אין דעם זעהר נויטיגען ענין המשיח וואס עס איז פשוט א לעבענס־פראגע.

עס זענען פאראן רעפארמירטע רבנים וואס ווילען היינט יא שוין וויסען וועגען ישוע המשיח און לערנען דאס ברית חדשה פונקט אזוי ווי דאס תנ"ך. וואס הערט זיך אבער מיט אונזערע ארטאדאקסישע ברידער? ווי לאנג וועלען זיי זיך נאך שלאגען אין דער ברוסט „בלא יודעים"?

Published Monthly by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as second class matter April, 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1, 1927.